קערין צו אונז, אונ דו װעסט װידער ביידין מיט אונז פה אל פה, אזוי װי דו האסט מיט אונז גירעט אויף דעם בארג סיני, אונ דו װעסט בויען דיין קרוינשטאט ירושלים גיך אונ באלד, אונ די שיינקייט פון דיין ציאן, דעם בית המקדש, זאלסטו אונז בויען דאס מיר זאלין דיר װידער דינען װיא צמאל, וכשנים קדמוניות װיא אין די פֿריערדיגע יאהרין, אמן סלה.

תורה תורה! גיי ארויף אין הימל אונ זיי א מליץ טוב פאר דיינע קינדער ישראל, אונ דערמאן פאר דעם רבון העולמים װיפעל בלוט עס איז פון זיי פארגאסען גיװארין פון דיינטװעגין אין חודש סיון אונ װיפיל צדיקים זיינען אויף קידוש השם אומגעקומען, אונ װיפעל בלוט פון קליינע קינדער, װאס מען האט זיי אויף דער מוטערס ברוסט גיטויט, װאס עס איז ניט מעגליך פאר צו שטעלין די װייטאגין װאס מיר האבען אין יענע צייטין גיהאט, אונ דאס איז אלס גיװעזין, װייל זיי האבען ניט גיװאלט מחלל זיין דעם הייליגען ברית פון דער תורה, אונ פארשטערין אירע גיזעצין, דרום גיהערסטו צו דער מאנען דעם זכות פאר דעם כסא הכבוד, דאס עס זאל גיגליכין זיין די בלוט, װי די בלוט פון די קרבנות װאס מען פלעגט שפריצען אויף דעם מזבח, עשה למען תינוקות של בית רבן, טו פון װעגין די קליינע קינדער, װאס זייא לערנען אין חדר דיין הייליגע תורה, אונ בענטש אויף אונז דעם חודש סיון, אז מיר זאלען זוכה זיין גוטע קינדער צו האבין, אונ מיר זאלען זיי קענען מגדל זיין צו דיין ליבע תורה אונ צו מעשים טובים. ונאמר אמן.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון אונ מי שעשה נסים װי װייטער שטייט (נאך אלע חדשים־דיגע תחנות).

װען מ'בענטשט ר"ח תמוז זאל מען די תחנה זאגען.

רבון העולמים ואדוני האדונים! הער פון אלע װעלטין, אונ הער איבער אלע הערין, מיר קומען פאר דיר יעצט בענטשין אונ הייליגען דעם חודש תמוז דאס אין דעם אנדערין טאג ראש חודש האט אונזער מוטער רחל איר טייערן זוהן יוסף הצדיק גיבאהרן, עס זאל זיין דער װילען פאר דיר גאט אונזער גאט, דאס עס זאל דערװעקט װערין אויף אונז דער זכות פון אונזער מוטער רחל, אזוי װי דו האסט גיהערט איר גיבעט, װען זי האט גרויס צער געליטען, דאס זי

האט קיין קינדער געהאט און האסט איר א טייערין זון יוסף געגעבן,
אזוי זאלסטו צוהערין דאס געבעט פון די אלע וואס האבען קיין קינדער
ניט, דאס זיי זאלן דערמאנט ווערין צו האבן גוטע קינדר אזוי ווי יוסף
הצדיק, אבער אונזערע קינדער זאלען חלילה ניט צו גינומען ווערין פון
אונז, אונ מיר זאלען פון זיי גרויס גדולה זעהן, אזו ווי אונזער פאטער
יעקב האט אם ענדע געזעהן גרויס גדולה פון זיין זוהן יוסף הצדיק, אונ
עס זאל ניט פאר שטערט ווערין זייער גדולה ביז אייביג.

הייליגער גאט אזוי ווי יוסף הצדיק איז ביי געשטאנען ביי דעם גרויסין
נסיון וואס זיין ווירטהין (פוטיפר'ס פרוי) האט אים אן גירעט,
הגם ער איז געוועזן איין יונגער מענש (אין די רעכטע היציגקייט) אונ אין אזא
הייסין קלימאט ווי מצרים אונ דער ווייטערט פון זיין פאמיליע (ער האט
זיך פאר קיינעם ניט געהאט צו שעמען) אונ דאך האט ער גיזיגט דעם יצה"ר
פון זנות אונ איז געבליבין ריין אונ ציכטיג, ווייל ער האט געהאט בושה
פאר דיר צו טאן אזא שענדליכע זאך, אזוי ליבער גאט זאלסטו
העלפען אונזערע זין אונ טעכטער ובפרט די וואס זייגען פערייזט פון
זייער היים, זיי זאלין האבין בושה פאר דיר וואס דו זעהסט אומעדום,
אונ זיך ניט פארפלעקין אין די שמוציגע עבירה פון זנות, אונ זאלען
בלייבין ביז זייער ענדע לעבין ריין אונ ציכטיג, ובזכות יוסף הצדיק
וואס ער איז געבענשט געווארען פון זיין פאטער יעקב מיט פיל ברכות
אונ נאכהער האט משה רבנו געבענשט זיין לאנד (זיין טייל וואס ער וועט
נעמען אין ארץ ישראל) מיט גרויס גירעטעניש, אזוי זאלסטו אונז אויך
בענטשין אין דעם חודש, אז די תבואה פון די פעלדער זאל חלילה
ניט פאר ברענט ווערן פון היץ, אונ קיין היישעריג זאל חלילה זיי ניט
אב עסין, רבונו של עולם (מלא אסמינו שבע) דער פיל אונזערע
אוצרות מיט זעט פון דיין געבענשטע האנד, עס זאל חלילה ניט זיין
קיין הונגער אונ קיין יקרות, עס זאל אין אונז מקוים ווערין דיין ברכה
(ונתתי גשמיכם בעתם) איך וועל געבין רעגין אין דער צייט (ונתנה
הארץ יבולה) די ערד וועט געבין אירע פרוכט (ועץ השדה יתן פריו)
אונ אלע בוימער אפילו די אילני סרק (די וואלד בוימער) וועלין געבין
פרוכט, בכדי מיר זאלען זיין רוהיג דיר צו דינען מיט ליבשאפט, אמן.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון אונ מי שעשה נסים
וויא ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות)